# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת ראה שנת תש"פ לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# שיחות וסיפורים

דער ראש ישיבה שליט"א איז אריינגעקומען אין שול און געזען אינגעלייט וואס דאווענען טאג נאך טאג ביחידות נאך חצות, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "איך האף דו בעטסט יעדן טאג דעם אייבערשטן 'באשעפער איך וויל דאווענען מיט מנין', נישט דאס זאל ווערן ביי דיר א לכתכילה צו דאווענען נאכמיטאג".

ווען עס איז ארומגעשיקט געווארן א שטיקל פון א שיעור פון ... וואס האט גאר שארף בארעדט די עצתו אמונה און די גליונות אז מען שרייבט זאכן וואס מען דארף נישט שרייבן וכו', און 'ווער עס העלפט צערייסן די ספרים האט א חלק אין די גאולה וכו', האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אויסגעדריקט: "אז דער הינט בילט איז א סימן אז דער פייל האט געטראפן אין ציל... אויף א טויטע זאך האט מען נישט קיין טענות, אז מען רעדט אנטקעגן דעם איז דאס פונעם ס"מ וואס פארלירט זיינע קונדן, בחורים קערן זיך צוריק צום אייבערשטן"...

איין נאכט אין ישיבה ביים טיילן נאכטמאל פאר די בחורים האט דער ראש ישיבה שליט"א געזען ווי איינער פון די מפיציםווארטן אין די שורה עס זאל אנקומען זיין רייע צו באקומען עסן, האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן צו דער בחור וואס איז ממונה צו טיילן: "געב פאר דעם מפיץ צום ערשט, ביי אנדערע קהילות שטעלט מען דעם עושר אין פארנט, 'א גביר'... ביי אונז אין די קהילה איז א מפיץ ארויפגעקוקט"...

# שיחות פון פריערדיגע יארן

## א שבת סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א

א אינגערמאן דערציילט, יארן צוריק נאך איידער ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן איז אים אויסגעקומען צו עסן א שבת סעודה (אמור תשס"ט) ביים ראש ישיבה שליט"א אינדערהיים, דערציילט ער ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט אים מקרב געווען מיט חכמה, נאכזאגענדיג שיינע ווערטער פון רבי'ן און מוהרא"ש אן נאכזאגן אז די ווערטער קומען פון רבי'ן און מוהרא"ש זכרונם לברכה.

עס איז געווען פרייטאג צונאכטס; דער ראש ישיבה שליט"א איז אהיים געקומען פון שול און דער ראש ישיבה שליט"א רופט זיך אן הויעך מיט א ריזיגע שמייכל: "גוט שבת". דער ראש ישיבה שליט"א האט געמאכט זייער א פרייליכע שטימונג אינדערהיים.

מען האט געזינגען זמירות זייער פרייליך, דער ראש ישיבה שליט"א האט געפויקט מיט די הענט אויפ'ן בענקל, עס איז געווען זייער לעבעדיג.

דערציילט דער אינגערמאן, איין זאך וואס איז מיר געווען זייער בא'טעמ'ט, געוועגליך ווען איך פלעג עסן נישט אינדערהיים, פלעג איך אלץ הערן פונעם גאסט-געבער: "שעם זיך נישט, עס צו די זעט, קענסט בעטן נאך", איך פלעג באקומען ריזיגע פארציעס, און איך האב ממש נישט געקענט עסן פון דרוק אז איך דארף עסן אלעס וואס מען גרייט מיר אן, אבער ביים ראש ישיבה שליט"א איז געווען פארקערט, דער ראש ישיבה שליט"א האט מיר געזאגט: "דו מוזט נישט עסן די גאנצע, עס נאר וויפיל דו דארפסט, די איבריגע קענסטו איבער לאזן", דאס האט מיר געמאכט עסן מיט אפעטיט און דרוק.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן מיט דעם הייליגן שטיקל אין ספר הקדוש נועם אלימלך (פרשת אמור) אויפ'ן פסוק (ויקרא כא, א) ויאמר ה' אל משה אמר אל הכהנים, זאגט די הייליגע רש"י: להזהיר גדולים על הקטנים. זאגט דער הייליגער רבי רבי אלימלך זכותו יגן עלינו: יעדער מענטש האט פארשידענע צייטן, ער האט צייטן וואס ער לערנט און

דאווענט, עס גייט אים גרינג דאס דינען דעם אייבערשטן - דאס הייסט 'גדלות המוחין', אבער א מענטש האט אויך צייטן וואס מען האט נישט קיין געדולד צו לערנען און דאווענען, מען פאלט נעבעך אראפ אין שלעכטע זאכן רחמנא ליצלן - דאס הייסט 'קטנות המוחין'; זאגט רש"י: "להזהיר גדולים על הקטנים", אז א מענטש דארף זיך גוט אנגרייטן אין די צייטן וואס גייט אים גרינג דאס דינען דעם אייבערשטן - ער האט 'גדלות המוחין', אויף די צייטן וואס גייט אים נישט גוט אין דינען דעם אייבערשטן - ער האט 'קטנות המוחין', ער דארף זיך אנגרייטן מיט אסאך חיזוק אז ער זאל נישט איינגאנצן אוועקפאלן ווען עס וועט אים זיין שווער.

רעדנדיג פון דעם ספר הקדוש 'נועם אלימלך', האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: עס זענען דא מענטשן וואס פירן זיך צו לייגן דעם ספר אונטערן קישן אין בעט אלס שמירה, אויך זענען דא וואס פירן זיך דאס מיט צו נעמען אין שפיטאל, ווען מען גייט האבן א קינד.

דער ראש ישיבה שליט"א האט מיר געפרעגט אויב איך לערן חסידי'שע ספרים; און דער ראש ישיבה שליט"א האט מיר געזאגט אז דער ספר 'תולדות יעקב יוסף' איז זייער א שיינע ספר, עס נעמט יעדע מצוה פון די תורה, יעדע פרשה, און ווייזט פאר'ן מענטש וואס דאס האט מיט אונז אין די היינטיגע צייטן.

דער ראש ישיבה שליט"א איז אריין אין א שמועס פון דעם ענין, א מענטש דארף וויסן אפילו מען פאלט אראפ אין עבירות רחמנא ליצלן טאר מען נישט בלייבן אראפגעפאלן און מיואש, נאר מען דארף זיך אויפשטעלן און פון יעצט דינען דעם אייבערשטן; דער ראש ישיבה שליט"א האט דאס מסביר געווען מיט א משל, א מענטש גייט אין גאס, עס שנייט און מען ווערט פארפרוירן, מען קען כמעט נישט גיין, גייענדיג טראסקעט ער אראפ אויף די ערד, אוודאי וועט זיך דער מענטש אויפהייבן און ווייטער גיין, אפילו אויב דאס וועט זיך איבער'חזר'ן אסאך מאל, ער וועט האלטן אין איין אראפ פאלן, וועט ער זיכער נישט זאגן: "איך פאל און איך פאל, איך האב שוין נישט קיין כח, איך בלייב ליגן אויף די

ערד", נאר ער וועט פרובירן מיט אלע כוחות זיך נאכאמאל אויפשטעלן און ווייטער גיין; דאס זעלבע איז ביים אייבערשטן, אפילו איינער וואס האלט אין איין פאלן, ער מאכט אפ "איך וויל זיין אן ערליכער איד" אבער עס גייט אים נישט, יעדעס מאל פאלט ער נאכאמאל אראפ, טאר מען זיך נישט מייאש זיין, נאר מען דארף נאכאמאל אנהייבן פון דאסניי.

דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט דאס איז די שיינקייט פון א ניגון, א ניגון וואס גייט גראד, איין לאנגע תנועה, איז נישט קיין ניגון, די שיינקייט פון א ניגון איז אז די נאטן גייען ארויף און אראפ און נאכאמאל ארויף און נאכאמאל אראפ, און אזוי ווייטער.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגענומען א גמרא מסכת ברכות פון ספרים שאנק (ארויס נעמענדיג, זאגט מיר דער ראש ישיבה שליט"א: איך האב שוין ברוך השם געענדיגט גאנץ ש"ס, און איך האב זיך אנגעצייכנט אין יעדע מסכתא די שטיקלעך וואו מען קען זיך אראפלערנען דערפון חיזוק אויף עבודת השם) און זאגט: די גמרא זאגט (נא.): "מי שאכל שום וריחו נודף, יחזור ויאכל שום אחר, כדי שיהא ריחו נודף", איינער האט געגעסן קנאבל, און עס גייט א שלעכטע גערוך פון זיין מויל, זאל ער נאכאמאל עסן קנאבל?! זעט מען פון דעם אז אפילו מען איז ליידער דורך געפאלן אין עבירות רחמנא ליצלן דארף מען אכטונג געבן פון יעצט דאס מער נישט צו טון, מען זאל נישט טראכטן: "איך האב שוין סייווי געזינדיגט".

דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכגעזאגט פון א מדרש (מדרש אותיות דרבי עקיבא, אות ב): "פארוואס הייבט זיך אן די תורה מיט'ן אות ב'? ווייל א בית איז פארמאכט פון אלע זייטן, עס איז אפן נאר אויף פאראויס"; אונז צו ווייזן אז ווער עס וויל לערנען תורה און מצליח זיין בעבודת השם זאל נישט קוקן אויף צוריק, אויף די מעשים וואס מען האט געטון, נאר מען דארף קוקן אויף פאראויס: 'איך גיי זיין גוט'.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א נאכגעזאגט בשם צדיקים (דער צדיק - דאס איז מוהרא"ש זכרונו לברכה), די ווייב פון לוט איז געווארן א שטיק זאלץ צוליב דעם וואס זי האט צוריק געקוקט, ווייל אז מען קוקט צוריק

אויף וואס מען האט געטון ווערט מען זאלץ - דאס הייסט מען ווערט זייער דערביטערט; א מענטש טאר נישט קוקן אויף צוריק זיך צעברעכן דורך די אלטע מעשים.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט א שיינע פשט אויפ'ן מדרש (בראשית רבה, לך, סימן ב) וואו עס שטייט דעם לשון 'והיה' איז עס א לשון פון שמחה, און וואו עס שטייט דעם לשון 'ויהי' איז עס א לשון פון צער, ווייל אז מען קוקט אויף דעם עתיד - וואס גייט זיין, טראכט מען גוט, עס וועט זיין גוט, אבער אז מען טראכט פונעם עבר - וואס איז געווען, איז מען זיך מצטער.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: אין 'ברסלב' זאגט מען: "פאר יעדע לעפל מוסר וואס מען געבט, דארף מען געבן א גאנצע טעלער חיזוק", דער ראש ישיבה שליט"א האט עס געוויזן אויף זיין קאמפאוט טעלער - אויף אזא קליינע לעפל פון מוסר, דארף מען געבן א גאנצע טעלער חיזוק.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט איך געב יעדן טאג צוויי שיעורים וואס מען רעדט נאר חיזוק.

ווען מען האט געענדיגט די סעודה און מען האט אריינגעברעגט די נאש, האב איך זיך געשעמט צו עסן, האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן: דער מדרש זאגט (תנחומא פרשת בראשית) "עונג שבת כאלף תעניתים", אז מען האט הנאה אום שבת איז דאס אזוי ווי מען האט געפאסט טויזנט תעניתים.

נאך די סעודה האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "איך זאג שטענדיג פאר די בחורים, פונקט ווי יעדער נעמט יעדע טאג א שאוער, אפילו מען ווייסט ביי זיך אז סוף טאג וועט מען צוריק שוויצן, דאך קוקט מען אויף יעצט איך זאל יעצט ריין ווערן, די זעלבע איז מיט 'תשובה', אפילו דו ווייסט אז דו וועסט סיי ווי שפעטער נאך אמאל אראפ פאלן אין עבירות, דאך זאלסטו קוק נישט אויף דעמאלט, טו יעצט תשובה, רייניג זיך יעצט פון דיינע פלעקן.

שמועסנדיג מיט די קליינע קינדער האט דער ראש ישיבה שליט"א זיי דערציילט א שיינע מעשה: עס איז געווען אן ארעמאן וואס האט זיך מפרנס געווען פון פארקויפן ערד צו מאכן דערפון ליים, ער פלעגט אויפזוכן די ספעציעלע זאמד וואס מען מאכט פון דעם ליים, און ער פלעגט דאס פארקויפן. איינמאל בשעת'ן גראבן האט ער געטראפן זייער א טייערע שטיין, ער האט געוואלט פארקויפן דעם שטיין, האבן אים די צירונג סוחרים געזאגט אז דאס איז ווערד אזוי סאך געלט, אז עס איז נישט דא אין די גאנצע מדינה איינער וואס זאל האבן דאס געלט צו קענען באצאלן פאר אזא טייערע דיימאנט שטיין, נאר אין לאנדאן אינעם עיר המלוכה וועט מען קענען אפקויפן פון אים דער שטיין.

וויבאלד ער איז געווען זייער ארעם, ער האט נישט געהאט קיין געלט צו פארן קיין לאנדאן, האט ער פארקויפט אלעס וואס ער האט פארמאגט, ביז ער האט צוזאמגעקליבן אביסל געלט, און ער האט מיט די געלט געדינגען א פערד און וואגן וואס זאל אים פירן צום ים פארט. ווען ער איז אנגעקומען צום פארט האט ער שוין נישט געהאט קיין געלט פאר א טיקעט, און ווען ער האט געוואלט ארויפגיין אויפן שיף וואס פארט קיין לאנדאן האט מען אים נישט ארויפגעלאזט, ווייל ער האט נישט געהאט קיין געלט. האט ער געבעטן מען זאל אים צולאזן צום שיפס קאפיטאן, ער האט געוויזן דעם דיימאנט שטיין פארן שיפס קאפיטאן, און ער האט אים געזאגט אז ער איז גאר א גרויסער ביזנעס מאן און ער האנדלט מיטן קעניג. גלייך האט אים דער שיפס קאפיטאן ארויפגעלאזט אויפן שיף און ער האט געהייסן די משרתים מען זאל אים געבן דעם שענסטן צימער, און אים מכבד זיין מיט גרויס כבוד.

דער איד פלעגט זיך שפילן מיטן דיימאנט שטיין בשעת ער האט געגעסן, דאס פלעגט אים מאכן אפעטיטליך, איינמאל האט ער איינגעדרימלט אינמיטן עסן, און ער האט נישט באמערקט ווי דער משרת רוימט אפ דעם טיש מיטן דיימאנט אינאיינעם, און אלעס אריין געווארפן אין וואסער. דער איד וועקט זיך אויף און זעט אז ער האט אלעס פארלוירן... ער איז געווארן זייער צעבראכן, ער איז שיעור נישט אראפ פון זינען, ער האט געטראכט צו זיך: "עצט ווען דער שיפס קאפיטאן

וועט זיך דערוויסן אז איך האב גארנישט, וועט ער מיר ארייןווארפן אין וואסער, וואס קען איך דא טון?' האט ער אפגעמאכט ביי זיך אז ער וועט זיך מאכן פרייליך, ער וועט זיך מאכן כאילו ער איז רייך, און ער האט נאך אלץ ביי זיך דעם דיימאנט שטיין.

דער שיפס קאפיטאן פלעגט אלץ אריין קומען צו אים אין צימער שמועסן מיט אים, און דער איד האט זיך ווייטער געמאכט פרייליך פונקט אזוי ווי פריער; איין טאג זאגט אים דער שיפס קאפיטאן: "איך זע אז דו ביסט א קלוגער מענטש, וויל איך דיר פארטרויען מיט א גרויסן סוד, איך האב דא אינעם שיף אסאך סחורה וואס איך קען נישט אריין ברענגען אין לאנדאן, ווייל מען איז מיר חושד אז איך גנב'ע דאס, איך וועל עס איבערשרייבן אויף דיין נאמען און מיר וועלן זיך שפעטער פאררעכענען". אזוי האבן זיי געטון; נאכן אנקומען קיין לאנדאן האט דער שיפס קאפיטאן געכאפט א הארץ אטאקע, און דער איד איז געבליבן מיט אלע פארמעגנס וואס ער האט אים איבערגעשריבן און ער איז געווארן א גרויסער עושר. דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגענומען פון די מעשה התחזקות אז מען טאר זיך נישט פארלירן, מען דארף אנגיין אין אלע מצבים. [די מעשה האט דער רבי דערציילט (מובא בספר כוכבי אור סיפורים נפלאים, ב)].

## דינסטאג לך שנת תשע"ה

עס שטייט די וואך אין מדרש: אין סדום איז געווען א געזעץ אז מען טאר נישט אריינעמען קיין געסט אין שטאט, אבער עס איז געווען א בעט וואס ווער עס האט פונקטליך אריינגעפאסט אין די בעט האט געמעגט בלייבן דארט שלאפן, ווער עס איז געווען קלענער, האט מען אים אויסגעצויגען די פיס, און ווער עס איז געווען גרעסער האט מען אים אפגעשניטן די פיס. זאגט די ראש ישיבה שליט"א: "די מענטשן פון סדום זענען נישט געווען סתם נארישע מענטשן וואס האבן געשניטן און געצויגן פיס, נאר וואס דען, זיי האבן געהאט א סיסטעם, אזוי ווי

די היינטיגע ישיבות, אויב א בחור וויל לערנען מער פון וואס די סדר הישיבה פארלאנגט - טויג נישט, א בחור וואס קען נישט לערנען אזויפיל ווי דער ישיבה פארלאנגט - טויג אויך נישט, מען שטיפט אריין א גאנצע ישיבה מיט בחורים אין איין קאטעגאריע 'יעדער מוז זיין די זעלבע', דאס איז מידת סדום.

נאך זעט מען אין די וואכעדיגע סדרה איבער לוט; רש"י זאגט די גאנצע פארמעגן פון לוט איז געקומען ווייל ער האט זיך געדרייט נעבן א צדיק - אברהם אבינו, שפעטער זעט מען ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון אברהם אבינו איז ער געווארן א שיכור און עס האט פאסירט וואס האט פאסירט וכו'. זעט מען פון דא, כל זמן א מענטש דרייט זיך ביי א צדיק, האט ער שפע מיט אלעס גוטס, איינמאל מען גייט אוועק פונעם צדיק איז ביטער.

האט איינער געפרעגט: "צו נאנט איז דאך אויך נישט גוט?", האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "ווען מען ווערט היימיש ביים צדיק איז א גרויסע סכנה; מען זעט דריי מענטשן גלייבן נישט אין א צדיק - די ווייב, די קינדער און דער גבאי, ווייל די זעען דער צדיק עסט, דער צדיק שלאפט וכו' וכו'.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דאס צוגעגליכן צו דאס וואס מען זעט ביי די גרויסע רבי'ס, די חסידים וואס וואוינען ווייט פון זייער רבי די זענען די געטרייסטע חסידים, ווייל זיי זעען דעם רבי'ן איינמאל א יאר שמחת תורה ווי א קדוש איבערגעדעקט מיט'ן טלית וכו'"...

עס זענען אריינגעקומען אפאר נייע בחורים אין ישיבה פאר דעם זמן, האט דער ראש ישיבה שליט"א געשמועסט: "מען דארף יעדן איינעם אננעמען אין די מוסדות, און יעדן מאל עס קומט איינער איינשרייבן זיינע קינדער, ווייל קיין איין מוסד נעמט נישט אן זיינע קינדער, טראכט איך צו מיר 'וואס וואלט איך געטון ווען דאס זענען מיינע קינדער, און קיין איין מוסד וויל זיי נישט אננעמען', מיר זענען אלע קינדער פונעם

אייבערשטן, דערפאר דארף מען יעדן איינעם געבן א שאנס.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "א רחמנות אויף די אלע גרויסע רבי'ס וכו' וואס מאכן חתונה, א פשוט'ע איד מאכט חתונה קען ער לאזן אן אמת'ן טרער אונטער די חיפה, א רבי אדער א רבי'ס זון קען דאס אויך נישט ווייל אלעס איז געמאכט[א] וכו'.

רעדנדיג פון הפצה האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעהאלטן: "פארוואס זאל זיך א בחור שעמען צו גיין הפצה? טיילן ספרים איז א בושה?! א בושה איז צו שטיין ביי א רבי'ס טיש און כאפן עפל, א בושה איז א רבי קומט אן צו א חתונה מיט 15 סאבערבען'ס; איך ווייס נישט וויאזוי א רבי שעמט זיך נישט צי זיצן אין א קאר מיט לייטס און סיירענס, ווען איך בין רבי, וואלט איך אנטלאפן פון אן אונטער טיר, דער וואס גייט צו אזא רבי - ער דארף זיך שעמען, אבער הפצה, וואס איז די בושה?!"

די זעלבע זאך איז מיט בחורים וואס שעמען זיך צו גיין נאך געלט, פונקט ווי מיט תפילין שעמט מען זיך נישט אזוי אויך זאל מען זיך נישט שעמען צו גיין נאך געלט, עס איז די זעלבע מצוה און די תורה.

[א] ווי דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן סימן מ"ז) פאר איינער וואס האט געוואלט ווערן א מפורסם וכו': "דו וועסט אפילו נישט קענען בענטשן א אמת'ן ברכת המזון, ווייל דו וועסט מיט יעדע ריר אינזין האבן דיינע מענטשן זאלן דיר ארויפקוקן מיט דעם".